# פקודי

א. צוזאַמען מיטן ציווי פון אויבערשטן צו משה'ן, בפרשתנו, אַז ער זאָל אויפ־שטעלן דעם משכן און אַריינשטעלן אין אים די כלים[1], האָט דער אויבערשטער אים אויך אָנגעזאָגט ער זאָל טאָן דערביי געוויסע עבודות: בהמשך צו „והבאת את השלחן" האָט ער אים געזאָגט „וערכת את ערכו", און ביי „והבאת את המנורה" — „והעלית את נרותי"[2]. דאַקעגן ביי די מזבחות — מזבח הזהב און מזבח העולה — ווערט משה בלויז אנגעזאָגט צו אַריינברענגען זיי אויפן אָרט[3]; ס'־ווערט אָבער ניט דערמאָנט ער זאָל טאָן די עבודות אויף זיי.

אָבער ווייטער אין דער סדרה, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם מילוי הציווי דורך משה, ווערן דערמאָנט ניט נאָר די אָנגעזאָגטע צוויי עבודות הנ"ל — „ויערוך עליו ערך לחם גו'" און „ויעל הנרות"[4] — נאָר אויך „ויקטר עליו קטרת סמים" נאָך „וישם את מזבח הזהב וגו'"[5], און „ויעל עליו את העולה ואת המנחה" נאָך „ואת מזבח העולה שם גו'"[6].

משום האי טעמא, וואָס אין דעם ציווי פון אויבערשטן ווערט ניט דערמאָנט אַז משה זאָל טאָן אָט־די צוויי עבודות (קטרת און הקרבת העולה והמנחה), זיינען דעריבער פאַראַן צוויי דיעות אין מפרשי התורה — וועמען דער פסוק מיינט מיט „ויקטר" און „ויעל":

פאַראַן מפרשים[7] וואָס לערנען, אַז אויך דאָס האָט געטאָן משה רבינו (ווי ס'איז משמע פון פשטות המשך הכתובים). ווייל טראָץ דעם וואָס אויף די עבודות האָט אים דער אויבערשטער ניט אָנגעזאָגט בפירוש, האָט עס אָבער משה אָפּגעלערנט פון דעם ציווי וואָס ער האָט געהאַט אויף ערך לחם און העלאת הנרות;

אַנדערע מפרשים[8] לערנען, אַז ביי די צוויי עבודות מיינט די תורה אהרן'ען (וויבאַלד משה איז ניט נצטווה געוואָרן) — און לויט אָט־דער שיטה איז דער פירוש פון די פסוקים[5]: נאָכדעם ווי משה האָט מקיים געווען דעם ציווי ה' דורך „וישם את מזבח הזהב גו'", האָט זיך אָפּגעטאָן דער „ויקטר עליו קטרת סמים" דורך דעם וואָס זיין עבודה איז צו מקטיר זיין קטרת — אהרן. און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו „ואת מזבח העולה שם גו' ויעל עליו את העולה ואת המנחה"[6]; אַז לאחר ווי משה האָט אויפ־געשטעלט דעם מזבח העולה, האָט עמעצער אַנדערש אויף אים מעלה געווען „העולה" און „המנחה".

ווי איז שיטת רש"י בזה? — אויף „ויקטר עליו קטרת" טייטשט רש"י ניט אָפּ ווער עס האָט געטאָן אָט־די עבודה[9];

---

1) פרשתנו מ, א ואילך.
2) שם, ד.
3) שם, ה־ו.
4) שם, כג. כה.
5) שם, כו־כז.
6) שם, כט.

7) רמב"ן כאן פסוק כז. וכ"ה בטור הארוך עה"ת כאן.
8) רשב"ם כאן פסוק כט (לענין העלאת העולה והמנחה). וראה רשב"ם תצוה כט, ל.
9) ישנה גירסא בפירש"י שאהרן הקטיר. אבל כבר כתב הרמב"ן „ואולי טעות סופרים הוא". ובטור הארוך העתיק מהרמב"ן בפשי־טות „שהוא טעות סופר" (בהשמטת תיבת „ואולי"). וראה להלן הערה 11.

ער איז דאָ בלויז מפרש דעם זמן, ווען מען האָט מקטיר געווען: „שחרית וערבית כו׳״; דאַקעגן אויף „ויעל עליו וגו׳״ זאָגט רש״י: „אף ביום השמיני למילואים שהוא יום הקמת המשכן שימש משה והקריב קרבנות צבור, חוץ מאותן שנצטווה אהרן בו ביום שנאמר[10] קרב אל המזבח וגו׳״, ד. ה. אַז מיט „ויעל״ ווערט געמיינט משה רבינו[11].

איז דאָך לפי״ז ניט מובן: פאַרוואָס אויף „ויקטר עליו קטרת״ דערמאָנט רש״י ניט ווער עס האָט מקטיר געווען די קטרת, און אויף „ויעל עליו״ איז ער מפרש „שימש משה כו׳״?

ב. די קשיא ווערט נאָך שטאַרקער: אין זיין ווייטערדיקן פירוש אויף „ויעל עליו״ — וואו ס׳ווערט נאָר דערמאָנט עולה און מנחה — זאָגט רש״י „שימש משה והקריב קרבנות צבור״, וואָס פון זיין לשון „קרבנות צבור״ סתם[12], איז דאָך קענטיק כוונת רש״י צו לאָזן אונז הערן אַז משה האָט דאַן מקריב געווען (ניט נאָר „את העולה ואת המנחה״ וואָס שטייען אין פסוק, נאָר אויך) אַלע קרב־נות צבור[13] — איינשליסנדיק אין דעם, כמובן, אויך די עבודה[14] פון קטרת[15]. איז דאָך נאָכמער קשה: פאַרוואָס איז עס רש״י ניט מפרש פריער אויף די ווערטער „ויקטר עליו קטרת״?

איז דערפון גופא משמע, אַז פונעם פסוק „ויקטר עליו קטרת״ אַליין געפינט ניט רש״י קיין הוכחה ברורה ווער עס האָט מקטיר געווען די קטרת. ערשט נאָכדעם, פון ווייטערדיקן פסוק „ויעל עליו את העולה ואת המנחה״, וואָס דאָרט איז ביי רש״י ברור אַז דער „ויעל״ באַ־ציט זיך אויף משה׳ן — לערנט שוין רש״י אָפּ דערפון אויך בנוגע אַלע קר־בנות צבור — כולל אויך קטרת — אַז אויך זיי האָט משה מקריב געווען. וואָ־

10) שמיני ט, ז.

11) ברע״ב כאן, שגם לפי פירש״י „אף ביום השמיני כו׳ שימש משה״, כוונת הכתוב ב„ויעל״ (וכן ב„ויקטר״ שלפנ״ז) הוא לאהרן (וקאי על כל משך הזמן שלאחרי יום השמיני), ומ״ש רש״י „שימש משה״ הוא לפי „שכך מקובלים אנו שכל ימי המילואים לא נמנע מלשמש״.

[ועפי״ז מיישב מ״ש רש״י (לפי הגירסא שהיתה לפניו — וראה לעיל הערה 9) ויקטר עליו אהרן — כי „ויקטר״ שבכתוב קאי על אהרן].

אבל: א) כמדובר כמה פעמים, כל מ״ש רש״י בפירושו עה״ת מוכרח הוא מפשטות הכתובים (ולא לפי „שכך מקובלים אנו״). ב) בזבחים (קא, ב) פלוגתא היא אם שימש משה ביום השמיני, ובפירש״י על הש״ס (זבחים יט, ב) שלא שימש משה אז. — הרי שאין לומר בפשטות שמקובלים אנו כו׳. ג) ממה שכתב רש״י „אף ביום השמיני למי־לואים שימש משה״ על הפסוק „ויעל עליו גו׳״ ולא על „ויקטר עליו קטרת״ שלפנ״ז, מוכרח שפירוש זה הכריח רש״י מהכתוב „ויעל עליו״.

12) ואין לומר שכוונתו ב„קרבנות צבור״ הוא לפרש שהעולה והמנחה שבכתוב הם עולת תמיד ומנחת תמיד — כי ענין זה מפרש להדיא בד״ה שלאח״ז „את העולה — עולת התמיד. ואת המנחה — מנחת נסכים של תמיד״.

13) שזהו גם הטעם למה שרש״י אינו מעתיק בפירוש „את העולה ואת המנחה״ ורק מרמזם ב„וגו׳״, כדלהלן סעיף ד׳.

14) ואף שלשון רש״י הוא „קרבנות צבור״ — גם קטרת בכלל זה, וכבפרש״י תשא (ל, טו). — ולהעיר מל׳ הכתוב: קרבנם גו׳ עגלות צב (נשא ז, ג); וקרבנו קערת כסף גו׳ כף גו׳ מלאה קטרת (שם ז, יג־יד. ועוד).

15) מפרשי רש״י כאן ובפ׳ שמיני (ט, כג) הקשו ממ״ש רש״י בפ׳ שמיני שם שמשה נכנס ללמדו על מעשה הקטורת. אבל בפשטות, מ״ש שם „ויבוא משה ואהרן גו׳״ הי׳ לאחרי כל עבודת היום (גם לאחרי קטורת של בין הערבים — ודלא כבלבוש), ובמילא, אי״ז שייך לנדו״ד.

רום ס׳איז ניטאָ קיין סברא צו מחלק זיין צווישן די עולה ומנחה און די אַנ־דערע קרבנות צבור, „חוץ (ווי רש״י פירט אויס) מאותן שנצטוה אהרן כו׳ ״.

דאַרף מען פאַרשטיין: מיט וואָס איז, לויט רש״י, אין דעם „ויעל״ פאַראַן מער הוכחה — אַז דאָס מיינט משה — אידער אין דעם „ויקטר״?

ג. נוסף לזה (וואָס ס׳איז ניט קענטיק דער חילוק צווישן „ויקטר״ מיט „ויעל״) איז ניט מובן יעדער פירוש בפני עצמו — סיי דער פרש״י אויף „ויקטר עליו קטרת״ און סיי זיין פירוש אויף „ויעל עליו גו׳ ״:

אויף „ויקטר עליו קטרת״ זאָגט רש״י: „שחרית וערבית כמ״ש[16] בבקר בבקר בהטיבו את הנרות וגו׳ ״.

בהשקפה ראשונה איז קענטיק[17], אַז רש״י איז מיט דעם פירוש אויסן צו מסביר זיין: היות אַז די אַלע פריער אויסגערעכנטע פעולות אין דער פרשה (פון „ויקם גו׳ ״ און אַזוי אין יעדן פסוק ביז „וישם גו׳ ״) זיינען געטאָן געוואָרן בלויז איין מאָל אין יענעם טאָג[18] — דעריבער, בכדי מ׳זאָל ניט איינלערנען אויך ביי „ויקטר״ בדרך זו, באַוואָרנט רש״י אַז די קטרת האָט מען אין דעם טאָג מקטיר געווען צוויי מאָל: שחרית וערבית.

באמת איז אָבער שווער אַזוי איינצו־לערנען:

16) תצוה ל, ז.

17) וכ״מ שמפרש הבאר מים חיים (לאחי המהר״ל) ברש״י.

18) וצ״ע (ובפרט ע״פ פשוטו של מקרא — לפרש״י) אם הי׳ סדר זה בהקמת המשכן ושימת כליו בכל פעם כשהגיעו למקום חני׳ (אף שהמשיחה היתה רק בפעם הזאת) — דלכאורה חידוש גדול הוא, וראה פירש״י (ומפרשיו) פרשתנו (לט, לג).

א) אויך די נרות המנורה האָט מען זיכער אָנגעצונדן נאָכאַמאָל אין זעלבן טאָג, וואָרום הדלקת הנרות דאַרף דאָך זיין בין הערבים[19] (און „ויעל הנרות״, פון אונזער פסוק, איז געווען אינדער־פרי[20]), האָט דאָך רש״י געדאַרפט שטעלן אָט־די באַוואָרעניש (אויך) ביי „ויעל הנרות״ וואָס שטייט פאַר „ויקטר עליו קטרת״?

ב) צו באַוואָרענען אַז „ויקטר עליו קטרת״ איז געווען צוויי מאָל, איז נויטיק דוקא לויט דעם פי׳ אַז „ויקטר״ באַציט זיך צו משה׳ן: וויבאַלד די אַנדערע פעו־לות פון יענעם טאָג האָט משה געטאָן בלויז איין מאָל, קען זיין אַ ס״ד צו פאַרגלייכן און זאָגן אַז ער האָט אויך די עבודת הקטרת געטאָן בלויז איין מאָל, און דעריבער איז נויטיק רש״י׳ס באַוואָ־רעניש. אויב אָבער מ׳לערנט, אַז מיט

19) תצוה שם, ח. וראה גם רש״י שם כז, כ. שם, כא.

20) שהרי „ויעל הנרות״ נאמר לפני „ויקטר״ ולפני „ויעל גו׳ העולה״.

לכאורה הי׳ אפשר להוכיח שהכתובים כאן הם שלא כסדרן, ממ״ש „וישם את הכיור גו׳ ורחצו גו׳ ״ לאחרי כל העבודות שנאמרו לפנ״ז. (ולפי מ״ש הרמב״ן פסוק יז — גם „ויקם את החצר גו׳ ״ הי׳ לפני כל העבודות). אבל — אינו. כי י״ל שכל העבו־דות [„ויערוך עליו״; „ויעל הנרות״; וכו׳] היו לאחרי גמר הקמת המשכן ושימת כל כליו לתוכו, אלא שכל עבודה נמנית בכתוב מיד לאחרי שימת הכלי השייכת אלי׳. אבל (כיון דמסתבר למעט ה„אין מוקדם ומאוחר״ — ככל האפשרי) הסדר דשימת הכלים, וכן של העבודות עצמם — היו כפי הסדר שנאמרו בפרשה.

ומ״ש „ורחצו גו׳ ״ לאחרי כל העבודות שלפנ״ז — אף שבפשטות היתה הרחיצה מיד אחרי שימת הכיור לפני כל העבודות — כי „ורחצו״ הוא לשון הוה, היינו שמעת שימת הכיור „רחצו ממנו . . אהרן ובניו״, אלא שמזכיר כאן גם „משה״, כי „בו ביום קידש משה עמהם״.

„ויקטר עליו קטרת" מיינט דער פסוק ניט משה'ן נאָר אהרן'ען — אַז פון זינט „וישם (משה) את מזבח הזהב גו' " האָט אַהרן אויף אים אָנגעפאַנגען צו מקטיר זיין קטרת — איז דאָך אדרבה, דאָן איז פשוט אַז פונקט ווי אהרן האָט עס שפּעטער שטענדיק געטאָן צווי מאָל אַ טאָג (ווי ס'שטייט אין פ' תצוה [21]), אַזוי האָט ער עס אויך געטאָן יענעם טאָג — וואָרום וואָס פאַר אַ סברא איז דאָ צו מחלק זיין צווישן זיי? און במילא איז ניט נויטיק דער חידוש פון „שחרית וערבית".

היינט לפי הנ"ל (סעיף ב') אַז ביים פסוק „ויקטר עליו קטרת" איז נאָך ניט ברור ביי רש"י'ן אַז דאָס האָט משה מקטיר געווען — איז דאָך נאָך דערווייל ניטאָ קיין נתינת־מקום צו זאָגן אַז ס'איז ניט געווען "שחרית וערבית"; און אויב מצד דעם וואָס פון פסוק „ויעל עליו גו' " ווייס מען למפרע אַז „ויקטר" גייט אויף משה'ן — וויבאַלד ער האָט געטאָן אַלע עבודות צבור — איז דאָך שוין ווי־דער ניט נויטיק צו מחדש זיין אַז ער האָט אויך מקטיר געווען קטרת בערבית, ווייל אויך די הקטרה בין הערבים איז איינע פון די עבודות צבור. איז דאָך ממ"נ שווער: צו וואָס דאַרף רש"י מפרש זיין „שחרית וערבית"?

ג) אויך די ראי' וואָס רש"י ברענגט צו זיין פי' „שחרית וערבית" — „כמ"ש בבקר בבקר בהטיבו את הנרות וגו' " — איז שווער צו פאַרשטיין:

לויט פי' הנ"ל קומט דאָך אויס אַז דער גאַנצער חידוש באַשטייט (ניט אין דער הקטרה פון „שחרית", נאָר) אין די הק־טרה פון „ערבית" — אָבער ברענגענדיק אויף דעם די ראי' פון פסוק קומט עס גאָר באופן הפוך: די ווערטער „בבקר בבקר" איז רש"י מעתיק בפירוש, און די ווערטער „בין הערבים", וואָס פון זיי איז דער עיקר ראי' אויפן חידוש, איז ער מרמז בלויז [22] מיט אַ „וגו' " [23]?

אויך איז ניט מובן: צוליב וועלכן טעם איז דאָ רש"י מעתיק אויך די ווערטער „בהטיבו את הנרות", וואָס זיינען דאָ לכאורה אינגאַנצן ניט נוגע?

ד. אויך אין ווייטערדיקן פי' רש"י אויף „ויעל עליו וגו' " איז קשה:

א) אויב רש"י וויל בלויז אָפּטייטשן אַז מיט „ויעל עליו" מיינט דער פסוק משה'ן, האָט ער דאָך דאָס געדאַרפט זאָגן מיט צוויי ווערטער: „משה הקריב". צו וואָס די גאַנצע אריכות „אף ביום הש־מיני .. שימש משה": וואָס איז ביי דעם פסוק נוגע צו וויסן, אַז דער טאָג פון הקמת המשכן איז געווען „שמיני למי־לואים" וכו'?

ב) רש"י איז דאָ מעתיק פון פסוק, בהקדם לפירושו, נאָר די ווערטער „ויעל עליו"; די ווייטערדיקע ווערטער — „את העולה ואת המנחה" — איז ער מרמז בלויז מיטן וואָרט „וגו' ".

דער טעם דערפון איז פאַרשטאַנדיק בפשטות: רש"י'ס פי' „אף ביום השמיני כו' שימש משה והקריב קרבנות צבור כו' " איז ניט בלויז בשייכות צו „את העולה ואת המנחה", נאָר אויך צום כללות הענין פון „ויעל עליו". וואָס דערפאַר באַנוצט זיך ניט רש"י בהמשך הפירוש מיט די ווערטער פון פסוק,

21) ל, ז־ח.

22) לפי הגירסא שברוב הדפוסים (מה שאין כן לפי הגירסא שהיתה לפני הרמב"ן והרע"ב. וכן בדפוס ראשון).

23) וביותר יוקשה: גם בתיבת „וגו' " אינו מוכרח שמרמז להתיבות „בין הערבים" — שהרי יש לומר שקאי רק על תיבת „יקטירנה" שלאחרי תיבת „הנרות", ובפרט ש„בין הערבים" הוא בפסוק שלאח"ז.

"עולה" און "מנחה", נאר ער איז מדגיש "קרבנות צבור" סתם (כנ"ל סעיף ב').

אבער עפ"ז ווערט די שאלה לאידך גיסא: וויבאלד אז זיין פירוש באציט זיך צום מובן כללי פון "ויעל עליו", ווי דאס איז כולל אויך די אנדערע קרבנות צבור — האט ער דאך לכאורה אט־די פרטים "את העולה ואת המנחה" אינגאנצן געדארפט אויסלאזן און אפילו ניט מרמז זיין אויף זיי דורכן ווארט "וגומר"?

ה. דער ביאור בכל הנ"ל איז:

אין דער פרשה פון לחם הפנים שבסדרת אמור [24] — וואס רש"י האט שוין דער־מאנט פריער [25] — ווערט געזאגט, אז די צייט פון עריכת לחם איז ביום השבת. קען מען פרעגן: דער זמן הקמת המשכן איז דאך ניט געווען ביום השבת [26], איז ווי קומט עס אז אין דעם ניט־שבת'דיקן טאג פון הקמת המשכן זאל פארקומען דער "ויערוך עליו ערך לחם"?

די זעלבע שאלה איז אויך בנוגע "ויעל הנרות": דער זמן פון הדלקת הנרות איז געווען אין אוונט, ניט אינדערפרי [27] — היינט ווי אזוי איז דער "ויעל הנרות" פון פרשתנו געטאן געווארן אינדערפרי?

מוז מען זאגן, אז די עריכת הלחם און העלאת הנרות אין דעם יום מיוחד פון הקמת המשכן, האבן מיט זיך פאר־געשטעלט אן ענין מיוחד [28], אנדערש ווי דער שטענדיקער ענין פון העלאת הנרות [29] און לחם הפנים [30].

און דערפאר, בשעת עס קומט צום פסוק "ויקטר עליו קטרת" האט מען געקענט א טעות האבן אז אויך די עבודה פון "ויקטר" (ווי "ויערך" און "ויעל" בפרשתנו) איז געווען אן ענין מיוחד, און מען וואלט במילא געקענט אנעמען אז דער "ויקטר" איז געווען אנדערש פון סדר הקטרת בכלל (און אפשר נאר איין מאל) — דעריבער בא־ווארנט רש"י: "שחרית וערבית כמ"ש בבקר בבקר בהטיבו את הנרות וגו'", אז דאס איז געווען פונקט אויפן זעלבן אופן ווי מ'פלעגט מקריב זיין יעדן "שחרית וערבית" וואס שטייען אין פסוק "בבקר בבקר בהטיבו את הנרות וגו'".

---

24) כד, ח.

25) תרומה כה, ל. וראה גם פרש"י שם, כט (ד"ה ועשית): "עד למחר בשבת"; תצוה כז, כ (ד"ה תמיד): "משבת לשבת".

26) כמו שמפרש רש"י (נשא ז, יב. וראה גם רש"י ר"פ שמיני) שהי' יום ראשון למע"ב. וגם התלמיד שלא למד עדיין פרש"י שלאח"ז — הרי פשטות הכתובים (ופרש"י) ויביאו את המשכן אל משה — שלא היו יכולין להקימו כו' ומשה העמידו (פרשתנו לט, לג) משמע שהעמידו כשהביאוהו אליו — בראשון לז' ימי המילואים, וא"כ לא הי' זה ביום השבת (דהבאה והוצאה אסורים בו) וה"ה בשמיני למילואים, דקביעותן שווה.

27) ראה תצוה כז, כא ובפרש"י שם.

ברמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"ג הי"ב, שגם בבקר מדליק הנרות. ומפרש מ"ש (תצוה ל, ז) "בבקר בהטיבו" שהוא בהדליקו. אבל לפי פרש"י שם "בהטיבו — לשון ניקוי כו'" — היתה הדלקת הנרות רק בין הערבים.

וממש"כ רש"י במנחות (פח, ב), מוכח שס"ל כן גם בפירושו על הש"ס, כמ"ש בכס"מ לרמב"ם שם.

וראה לקו"ש חי"ח ע' 97 ואילך.

28) ראה צפע"נ עה"ת כאן (פסוק ד, כג) — בנוגע לעריכת הלחם.

29) ועפ"ז יומתק מה שרש"י אינו מפרש גבי "ויעל הנרות" שזה הי' גם בערבית כמו שפירש גבי "ויקטר עליו קטרת" — כי [נוסף למה שרק בקטרת הוזקק לפרש זאת, כבפנים] מה שהעלו את הנרות גם בערבית אי"ז שייך כלל להחידוש ד"ויעל הנרות" שבפסוק. ופשוט.

30) ועפי"ז מובן בפשטות מה שבציווי ה' למשה נאמר רק "וערכת את ערכו . . והעלית את נרותי" — אף שמשה עשה ביום זה כל העבודות — כי החידוש שבהציווי הי' (לא שמשה עשה זאת, כ"א) עצם הענין.

ועפי״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס רש״י ברענגט ניט בפירוש [31] די ווערטער „בין הערבים" — ווייל נאָכדעם ווי רש״י טוט אויף אַז דער „ויקטר" איז מיט גאַרניט אַנדערש פון עבודת הקטרת בכלל, איז שוין ניט נויטיק קיין ראיות אַז מ׳האָט יענעם טאָג מקריב געווען אויך ביינאַכט [32]. דעם פסוק ברענגט ניט רש״י ווי אַ ראי׳, נאָר אַלס פאַרגלייך און הסבר, אַז אונזער „ויקטר" איז דאָס זעלבע ווי די קטרת פון דעם פסוק „בבקר בבקר וגו׳ " [33].

ו. עס בלייבט אָבער ניט מובן:

א) צו וואָס איז רש״י אויך מעתיק די ווערטער „בהטיבו את הנרות", ווי־באַלד אַז צום הסבר פון זיין פירוש זיינען נוגע נאָר די ווערטער „בבקר בבקר וגו׳ "?

נאָכמער: ב) די ווערטער „בהטיבו את הנרות" זיינען גאָר מעורר א סתירה צו זיין פירוש — אַז דער „ויקטר עליו קטרת" אין יום הקמת המשכן איז געווען די זעלביקע עבודת הקטרת וואָס מ׳האָט דערנאָך מקטיר געווען יעדן טאָג — וואָרום בהטיבו את הנרות מיינט דאָך צו זאָגן, אַז די הקטרה „בבקר בבקר" איז געבונדן, און שייך צו דער פריערדיקער עבודה פון הטבת הנרות (וואָס דאָס איז דער „ניקוי הבזיכין של המנורה מדשן הפתילות שנשרפו בלילה" [34]); און ווי־באַלד אַז אין דעם טאָג פון הקמת ה־משכן איז לכאורה קיין הטבת הנרות ניט געווען (ווייל די פריערדיקע נאַכט איז נאָך געווען פאַר הקמת המשכן, האָט מען מן הסתם ניט געצונדן די מנורה), דאַרף דאָך אויסקומען אַז דער „ויקטר" ביום הקמת המשכן איז געווען ניט פונעם סוג קטרת „בבקר וגו׳ ", נאָר אַן ענין מיוחד.

נאָר דער ביאור אין דעם: רש״י נעמט אָן בפשטות אַז אויך אין די שבעת ימי המילואים, פאַר דעם טאָג פון הקמת ה־משכן, האָט מען געטאָן אַלע עבודות [35], ובכללם — הדלקת הנרות. און לפי זה קומט אויס, אַז אין דעם „בקר" פון יום הקמת המשכן דר״ח ניסן, איז אויך געווען די עבודה פון הטבת הנרות, ובמילא איז שוין רעכט צו איינלערנען אַז די קטרת וואָס מען האָט דאַן מקטיר געווען איז ניט קיין אַנדערע ווי די וואָס רעדט זיך אין פסוק „בבקר בבקר בהטיבו את הנרות וגו׳ ".

און דערמיט וועט זיין פאַרשטאַנדיק אַז די ווערטער „בהטיבו את הנרות" זיינען ניט בלויז קיין סתירה ניט צו זיין פי׳, נאָר רש״י דאַרף זיי מעתיק זיין: צווישן

31) אבל פשוט ש„וגו׳ " קאי לא רק על תיבת „יקטירנה" כ״א גם על „בין הערבים יקטירנה" — מכיון שלפנ״ז כותב „ערבית".

32) ומש״כ „ערבית" — אי״ז בדרך חידוש, כ״א לפי שא״א לכתוב רק שחרית, שהרי היתה גם בערבית.

33) ועפי״ז מובן גם מה שאינו מעתיק בפירוש תיבת „יקטירנה" — כי כוונת רש״י במה שמביא את הפסוק היא (לא להוכיח שהיתה הקטרה בבקר, כ״א) ש„ויקטר עליו קטרת" הוא הקטרת ד„בבקר בבקר בהטיבו את הנרות".

34) רש״י תצוה ל, ז. וגם בפירושו על הש״ס ס״ל כן (ראה כס״מ להל׳ תמידין פ״ג הי״ב — נעתק לעיל הערה 27).

35) וכברמב״ן כאן פסוק ב.

בגו״א שמיני ט, כג כתב (לדעת רש״י) „שוודאי לא הקריב בימי המילואים אלא קרבנות השייכים למילואים ולא הקטרת שהיא קבועה לדורות כמו שלא הקריב התמידים שלא כתיב במילואים מלבד עולת הבקר". אבל — בפשטות, מש״כ (תצוה כט, לח ואילך) „וזה אשר תעשה גו׳ את הכבש גו׳ ", קאי על ז׳ ימי המילואים, שמדובר בהם לפניו. ובפרט ד„וזה" — בוא״ו המוסיף. וכמ״ש הרמב״ן כאן פסוק כז. וכמפורש ברש״י פנחס כח, ד.

די אַלע מיני עבודה של חינוך וואָס די תורה רעכנט אויס בשייכות צו די ימי המילואים, ווערט ניט דערמאָנט בפירוש אַז מען האָט אויך מדליק געווען די מנורה. וואָלט מען געקענט מיינען אַז מחמת דעם וואָס עס האָט געפעלט די הדלקה און במילא די הטבה, איז אויך דער „ויקטר עליו קטרת" געווען אַן ענין מיוחד (אַזוי ווי דער „ויערך עליו ערך לחם" און „ויעל הנרות") — איז דע־ריבער רש"י מרמז אין אַ דיוק „כמ"ש בבקר בבקר בהטיבו את הנרות", אַז די קטרת פון נדון דידן איז געווען פאַר־בונדן מיט הטבת הנרות פונקט ווי אַלע־מאָל — „בבקר בבקר בהטיבו את ה־נרות"[36].

ז. וויבאַלד אַז די הערכת הלחם און העלאת הנרות, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן דורך משה'ן ביום הקמת המשכן, זיינען געווען אַ הוראת שעה, איז פאַרשטאַנדיק אַז פון זיי קען מען ניט אָפּלערנען בנוגע די עבודות הרגילות — אַז אויך זיי האָט משה געטאָן דאַן[37]. אדרבה: לויט פשטות הסברא דאַרף זיך אָפּלייגן, אַז די עבודות הרגילות האָט משה געטאָן בלויז בשבעת ימי המילואים, אָבער ווי נאָר מען האָט אויפגעשטעלט דעם משכן אין אַן אופן קבוע (כולל אויך דעם ערשטן טאָג — שמיני למילואים), האָט געטאָן די עבודות דער וואָס האָט זיי געטאָן בקביעות — אהרן[38].

און דערפאַר איז רש"י ניט מפרש אויפן פסוק „ויקטר" אַז דאָס האָט געטאָן משה, ווייל פון דעם פסוק גופא איז ניטאָ קיין שום הוכחה דערצו; און מצד פשטות הסברא דאַרף מען גאָר אויסקומען, פאַרקערט, אַז אהרן האָט מקטיר געווען די קטרת.

נאָר בעת מען קומט צום פסוק „ויעל עליו את העולה ואת המנחה" — וואָס בנוגע עולה און מנחה איז מוכח אַז משה האָט זיי מקריב געווען (כדלקמן ס"ח) — איז רש"י מרמז, דורך דעם וואָס ער זאָגט „והקריב (משה) קרבנות צבור" סתם — אַלע קרבנות פון צבור — אַז צוזאַ־מען מיט עבודות צבור דעולה ומנחה האָט משה אויך געטאָן די עבודה פון „ויקטר". וואָרום ס'איז ניט מסתבר צו מחלק זיין אין קרבנות צבור גופא צווישן עולה ומנחה (דורך איין מקריב) און די אַנ־דערע קרבנות (און עבודות) צבור (דורך אַ צווייטן).

ח. דער הכרח צו זאָגן אַז דער פסוק „ויעל עליו וגו'" מיינט דערמיט משה'ן (און ניט אהרן, ווי ס'קוקט אויס בהשקפה ראשונה), ווערט פאַרשטאַנדיק פון דיוק הל' אין פירש"י אויף דעם פסוק — פון דעם וואָס נאָכן מעתיק זיין „ויעל עליו" פון פסוק לייגט ער צו „וגו'", און פון דעם וואָס ער הויבט אָן זיין פי' מיט די ווערטער „אף ביום השמיני וכו'":

מיט זיין מוסיף זיין דעם וואָרט „וגו'"

---

36) ועפ"ז יומתק ביותר מה שרש"י מעתיק מהכתוב בפירוש רק „בבקר בבקר בהטיבו את הנרות" ולא „בין הערבים" — אף שלכאורה החידוש שבפירושו הוא שהקטיר גם בערבית (כנ"ל סעיף ג') — כי אדרבה: החידוש שבפירושו הוא שגם הקטרת שהקטיר בשחרית היא הקטרת שעלי' נאמר „בבקר בבקר בהטיבו את הנרות", כבפנים.

37) ודלא כמ"ש הרמב"ן והטור (נעתק לעיל סעיף א') שמשה הבין זה ממה שנצטווה לסדר הלחם ולהעלות הנרות.

38) וי"ל, שלכן כותב רש"י „אף ביום השמיני למילואים כו' שימש משה" (נוסף להמבואר להלן סעיף ח'), שמה ששימש גם ביום הקמת המשכן בר"ח ניסן, הוא לפי שהי' יום שמיני למילואים, ובכל ימי המי־לואים — אף ביום השמיני — שימש משה.

— טראַץ דעם וואָס דער תוכן פון זיין פירוש גופא איז אויף דעם כללות הענין פון „ויעל עליו" (אַלע קרבנות צבור; און דערפאַר איז ער דאָך ניט מעתיק בפירוש „את העולה ואת המנחה") — איז ער אויסן צו לאָזן הערן, אַז די ראי' צו זיין פירוש איז פון די ווייטער־דיקע ווערטער „את העולה ואת המנחה" — וואָס זיינען מרומז אין דעם „וגו'"; און וואָס איז אָט־דער באַווייז? דאָס פאַרשטייט מען פונעם אופן ווי ער הויבט אָן זיין פירוש „אף ביום השמיני כו'" (און ניט בקיצור „שימש משה" וכדומה):

פון די ווערטער „את העולה ואת המנחה" (מיט אַ ה"א הידיעה) איז קלאָר, אַז די עולה און מנחה וואָס מ'האָט מקריב געווען ביום הקמת המשכן זיינען פון זעלבן סוג עולה ומנחה וואָס מען ווייס שוין פון זיי, וואָס מען האָט מקריב געווען בשבעת ימי המילואים. איז אויב מ'זאָל זאָגן אַז ביום הקמת המשכן האָט אהרן מקריב געווען די עולה ומנחה — איז דאָך ניטאָ קיין צד השוה צווישן אָט־די עולה ומנחה (וואָס אהרן האָט מקריב געווען, און באופן תמידי), מיט די עולה ומנחה וואָס משה האָט מקריב געווען פריער און לשם מילואים

— דעריבער (לערנט רש"י) מוז מען זאָגן, אַז „אף ביום השמיני כו' שימש משה", וואָס דעמאָלט איז פאַראַן אַ התדמות צווישן די עולה ומנחה פון יום השמיני מיט די פון ימי המילואים: זיי אַלע האָט מקריב געווען משה רבינו.

און וויבאַלד מיר ווייסן שוין אַז די עולה ומנחה האָט משה מקריב געווען, איז שוין דער שכל מחייב, אַז אויך די אַנדערע קרבנות צבור פון יענעם טאָג — האָט זיי משה געטאָן.

ט. פון די ענינים פון „יינה של תורה" פון אונזער פירש"י:

וואָס איז טאַקע דער טעם וואָס דעם ענין „אף ביום השמיני למילואים שימש משה והקריב קרבנות צבור כו'" איז דער פסוק מרמז דוקא ביי עולה און מנחה (כאָטש אַז אַזוי איז עס געווען אויך ביי די אַנדערע עבודות)?

אויף צו פאַרשטיין דאָס דאַרף מען מקדים זיין נאָך אַ פי'[39] אויף דעם וואָס דאָ שטייט „העולה" און „המנחה" בה"א הידיעה, אַז די עולה ומנחה זיינען באַ־וואוסטע דערמיט וואָס זיי זיינען „עולת תמיד" און „מנחת תמיד": זייער באַ־וואוסטקייט קומט מצד זייער תמידיות.

מיט וואָס צייכענען זיך אויס די עולה ומנחה מיט זייער תמידיות לגבי די אַלע אַנדערע עבודות וואָס מען האָט זיי גע־טאָן בכל יום ויום — האָט מען שוין אַמאָל גערעדט בארוכה[40], אַז פון דעם גופא וואָס צווישן אַלע טעגליכע עבו־דות ווערט בלויז דער קרבן תמיד אַליין אָנגערופן מיטן נאָמען „תמיד" סתם, איז אַ ראי' אַז דער תואר „תמיד" קומט (ניט בלויז דערפאַר וואָס מען האָט אים מקריב געווען בכל יום, נאָר אויך, און בעיקר) צו מדגיש זיין אַז ער האָט אַ שטענדיקע ווירקונג (פעולה נמשכת) — דער אויפטו פון די קרבנות תמיד ציט זיך במשך פון דעם גאַנצן מעת לעת.

און דערמיט איז אויך מבואר, וואָס ביי קטרת (אין אונזער פרשה) איז תורה משנה דעם אופן הביטוי און זאָגט „ויקטר עליו קטרת" (אָן אַ ה"א הידיעה), הגם אויך די קטרת האָט מען מקטיר געווען אַלע טאָג — און אין ווייטערדיקן פסוק

39) ראה פרש"י.

40) ראה לקו"ש ח"ג ע' 940 ואילך.

שטייט „ויעל עליו את העולה ואת המנחה": ווייל נאָר עולה ומנחה זיינען פאַראַן (בפעולתם) תמיד, בכל רגע ורגע — זיינען זיי דעריבער באַזונדערס חשוב און במילא ספּעציעל באַוואוסט.

יו"ד. דער ביאור פון דעם אין עבודה:

דער קרבן תמיד איז אַן עולה, וואָס איז כולו כליל לה' [41]; און צו דער עבודה פון אַוועקגעבן אינגאַנצן צום אויבערשטן (כליל לה') איז יעדער איד גרייט תמיד, בכל רגע ורגע, און ער דאַרף ניט האָבן אויף דעם קיין ספּעציעלע הכנות:

בשעת עס רעדט זיך וועגן אַ קרבן וואָס אַ טייל פון אים דאַרף געגעסן ווערן דורך מענטשן, און דער אופן האכילה דאַרף זיין בקדושה וטהרה (ווי דאָס פאָדערט זיך ביי אכילת קרבן) — זיינען דערצו נויטיק באַזונדערע הכנות. וואָרום בטבעו מוז אַ מענטש פילן דעם גשמיות'דיקן טעם און געשמאַק פון דעם מאכל, איז אים דערפאַר שווער צו פועל'ן ביי זיך אַז זיין טבע זאָל זיך טבע (עסן) אָבער „נתהפך" ווערן צו קדושה, ער זאָל דעם קרבן עסן אינגאַנצן און דורכאויס לשם שמים [42];

על אחת כמה וכמה, ווען עס קומט צו דער עבודה פון קטרת — וואָס איר ענין איז, אַז אויך ג' קליפות הטמאות [43] זאָלן נתהפך ווערן צו קדושה — איז דאָך אַוודאי אַז ניט יעדער איינער האַלט ביי אַזאַ מדריגה.

41) פרש"י יתרו יח, יב (וראה גם ויקרא א, ח־ט). וראה אוה"ת צו ע' טו.

42) ראה קונטרס עה"ח פ"ח. ולהעיר מהמסופר בד"ה רפאני תרח"ץ סעיף ה', „אשר פעם הראה הבעש"ט נ"ע לתלמידיו שור מלובש בבגדי ש"ק . . כי הי' צדיק א' שאכל בשר לקיים מצות שבת ומפני כו'". עיי"ש.

43) ראה תו"א צט, א. ובכ"מ.

אָבער בשעת עס האַנדלט זיך וועגן „עולה", ד. ה. דוקא ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ „קרבן" וואָס אַ איד דאַרף זיך אַליין איבערגעבן „כליל לה'", דאָס איז שייך צו יעדן איד, מצד נקודת נשמתו, און ער איז אויף דעם מוכן תמיד בכל רגע ורגע.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס אַלע עבודות האָבן זיך יעדן טאָג אָנגעהויבן מיטן קרבן תמיד, ווייל דוקא נאָך דער עבודה פון „כליל לה'", וואָס אַ איד טוט זיך אויס פון זיין אייגענער מציאות און גיט זיך אַוועק אינגאַנצן צום אויבערשטן, ערשט דעמאָלט קען ער ביי זיך פועל'ן אַז אויך זיינע „מציאות"־ענינים זאָלן זיין קדושה'דיק, ווייל אויך זיי ווערן דורכגענומען מיטן ביטול במציאות פון „עולה" וואָס ער איז דערצו צוגעקומען בתחילת היום [44].

יא. אַלע פירושים פון תורה זיינען דאָך פאַרבונדן צווישן זיך [45] — איז פאַראַן אַ קישור צווישן די צוויי פירושים הנ"ל אין דעם ה"א הידיעה פון „העולה" און „המנחה" (זייער זיין ידוע מצד דער פריערדיקער הקרבה בימי המילואים, און מצד דעם ענין פון „תמיד" וואָס אין זיי).

און ווי מען זעט — בינדט די תורה גופא די בידע ענינים צוזאַמען: אויפן פסוק „עולת תמיד העשוי' בהר סיני" [46]

44) ראה עד"ז קונט' עה"ח שם, שבכדי שהעבודה דיחו"ת תהי' באמת, צריך להיות נרגש מעט מזעיר עכ"פ הביטול דיחו"ע. ושם, ש„גם אם תהי' העבודה הזאת אמיתית בעצמה", מכיון ש„בעת האכילה עד"מ ה"ה מרגיש עכ"פ את הטעם והעונג בזה בעל כרחו שלא ברצונו . . זה מורידו לפי שעה". משא"כ כשנרגש אצלו גם הביטול דיחו"ע. עיי"ש.

45) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782.

46) פנחס כח, ו.

טיטשט רש״י (אין זיין ערשטן [47] פירוש) „העשוי׳ בהר סיני — כאותן שנעשו בימי המילואים״. זעט מען דאך אַז דער פסוק גופא בינדט צוזאַמען דעם ענין פון „עולת תמיד״ מיט דעם וואָס „נעשו בימי המילואים״.

אין וואָס באַשטייט אָט־דער צוזאַמענבונד צווישן זיי?

איז דער ביאור: הן אמת אַז יעדער איד, מצד דעם נפש האלקית וואָס אין אים (ובפרט מצד דעם וואָס זיין נשמה איז געווען במעמד הר סיני [48]), איז ער תמיד מסוגל צו האַלטן ביי דער עבודה פון „כליל לה׳״ [49] — פונדעסטוועגן, מצד דעם גוף ונפש הבהמית וואָס זיינען מעלים אויף דער נשמה, דאַרף ער דערצו אויך האָבן אַ נתינת כח פון משה רעיא מהימנא, וואָס ער איז מעורר דעם כח הביטול פון דער נשמה [50], אַז אויך געפינענדיק זיך אין גוף ונה״ב זאָל זי שטענדיק האָבן די יכולת זיך לגמרי צו מבטל זיין און אָוועקגעבן צום אויבערשטען.

און דאָס איז די שייכות פון „עולת תמיד״ צו „העשוי׳ בהר סיני — כאותן שנעשו בימי המילואים״: די מעלה מיוחדת פון די „ימי המילואים״ איז דאָס, וואָס אין זיי איז „שימש משה״, און ער, משה (דורך זיין אָנפאַנגען צו מקריב זיין די עולה אין די ימי המילואים), האָט אויפגעעפנט דעם צינור און געגעבן דעם כח צו יעדער אידן, אַז די עבודה פון „עולה״ — כליל לה׳ — זאָל ביי אים קענען זיין תמיד.

יב. און דאָס איז אויך דער ביאור וואָס „אף ביום השמיני למילואים שהוא יום הקמת המשכן״, וואָס דעמאָלט האָט זיך אָנגעפאַנגען די עבודה הרגילה והקבועה פאַר אַלע אידן, האָט משה מקריב געווען (ניט בלויז דעם קרבן תמיד, נאָר אויך) אַלע קרבנות (צבור [51]) — בכדי צו ממשיך זיין דעם כח הביטול פון דעם קרבן תמיד „עולה״, אויך אין די עבודות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט „מציאות״ (כנ״ל סו״ס יו״ד).

אָבער אעפ״כ זאָגט דער פסוק דעם ענין פון „שימש משה״ ביים קרבן תמיד דוקא — אין פון דעם לערנט מען דאָס אַז בנוגע די אַנדערע עבודות — ווייל דאָס וואָס מען דאַרף אָנקומען צום נתינת כח פון משה רבינו ביי די אַנדערע עבודות, איז עס בעיקר (ניט מצד דעם ענין המיוחד שלהם, וואָרום אדרבה: דער ענין פון די אַנדערע עבודות באַשטייט דאָך אין דעם וואָס אַ איד האָט יע צו טאָן מיט „מציאות״, נאָר) בכדי זיי זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיטן ענין פון „עולה״ און „מנחה״ — מנחת נסכים [52] וואָס זיינען „כליל לה׳״.

(משיחות ש״פ ויק״פ תשכ״ו ותשכ״ז)

---

47) שהוא פירוש העיקרי, כמובן.

48) שזהו הקישור ד„עולת תמיד״ ל„העשוי׳ בהר סיני״ לפי פירוש השני שברש״י שם.

49) להעיר שבמעמד הר סיני הי׳ ויחן ל׳ יחיד (מכילתא ורש״י יתרו יט, ב. וראה תניא פל״ב), הקדימו נעשה לנשמע ועל כל דבור פרחה נשמתן.

50) ובדוגמת הידוע (תו״א ר״פ משפטים. דרמ״צ פ, א ואילך) שמשה הוא הממשיך בחי׳ הדעת לנשמות דבי״ע, אף שהיכולת להמשיך להם הוא מצד שרשם בבחי׳ „עבר הנהר״.

51) והרי עיקר הביטול והנתינת כח ממשה הוא בענין התכללות — „ציבור״ (ראה לעיל ע׳ 218 ואילך בענין „ויקהל משה״).

52) שהיא כולה כליל (רש״י תצוה כט, מא) למזבח ואין בה לכהנים (מנחות עד, ב. רמב״ם הל׳ מעה״ק רפ״ב).

# פקודי ב

א. דער סיום וחותם פון ספר שמות איז „בכל מסעיהם". און וויבאַלד אַז ענינו פון דעם ספר איז, ווי דער מדרש [1] זאָגט, „שבו יצאו ישראל מאפי־לה לאורה", איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ענין היציאה מאפילה לאורה דריקט זיך אויס בעיקר אין די ווערטער „בכל מסעיהם", וואָרום „הכל הולך אחר החיתום" [2]. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות צווישן „בכל מסעיהם" און דער יציאה מאפילה לאו־רה?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין די רייד פון דעם דערמאָנטן מדרש: אין תחילת הספר ווערט דערציילט (ניט ווי אידן זיינען אַרויס פון גלות, נאָר פאַרקערט) „הבאים מצרימה", ווי די בני ישראל זיינען געקומען אין גלות [3]. איז ווי באַצייכנט דער מדרש דעם גאַנצן ספר [4] ווי אַזאַ וואָס ענינו איז „שבו יצאו ישראל מאפילה לאורה"?

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים דעם פירוש הפשוט פון „בכל מסעיהם", וואָס „מסעיהם" דאָ מיינט (ניט זייערע נסיעות, נאָר) די ערטער וואו זיי האָבן גערוט, זייערע חניות [5], און דער לשון „מסעיהם" איז כפירש"י: „לפי שממקום החני' חזרו ונסעו לכך נקראו כולן מסעות".

איז אין דעם ניט מובן: וועגן די חניות שבמדבר זאָגט די גמרא [6] „כיון דכתיב [7] על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו כמאן דקביע להו דמי". היינט ווי רופט אָן דער פסוק די מקומות החני' מיטן נאָמען „מסעות" דערפאַר וואָס „ממקום החני' חזרו ונסעו", בשעת אַז זייער חני' איז געווען אין אַן אופן פון „קבע"?

מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס דער פסוק רופט אָן די חניות בשם „מסעות", איז עס (ניט דערפאַר וואָס עס האָט עפּעס געפעלט אין די חניות, מצד דעם וואָס זיי זיינען געווען צייטווייליגע או כיו"ב, נאָר פאַרקערט) דערפאַר וואָס יעדער חני' איז געווען אַ הקדמה צו דעם „מסע" וואָס נאָך איר, ובמילא האָבן די חניות פאַרמאָגט אין זיך (ניט בלויז די מעלה פון חני' אין אַן אופן פון „קבע", נאָר) אויך די מעלה פון „מסעות".

ג. איז דער ביאור אין דעם:

שוין גערעדט כמה פעמים [8] אַז אידן זיינען ניט קיין מיטל אויף צו דורכ־

---

1) ב"ר פ"ג, ה. וראה גם רמב"ן סוף פרשתנו: ספר הגאולה.

2) ברכות יב, א.

3) ובפרט, שהירידה („הבאים מצרימה") שבפ' שמות — היא ירידה גדולה יותר מהירידה („הבאים מצרימה") שנזכרה לפנ"ז בפ' ויגש (ראה לעיל ע' 28 וש"נ).

4) וגם: מהי השייכות של כל הסדרות שלאחרי הסיפור דיצי"מ ל„שבו יצאו ישראל מאפילה לאורה".

5) שאז דוקא הי' „ענן ה' על המשכן". משא"כ כשהיו נוסעים — הי' „בהעלות הענן מעל המשכן" (לעיל פסוק לו).

6) עירובין נה, ב.

7) בהעלותך ט — כ, כג.

8) ראה לקו"ש ח"ה ע' 246.